ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

כתובים בידי הרבנית הצדקנית
מרת **חנה** ע"ה ז"ל

אשת כ"ק הרה"ג והרה"ח המקובל
## מוהר"ר ר' לוי יצחק
זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

הורינו של כבוד קדושת
## אדמו"ר מנחם מענדל
זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן

**Reshimas Zichronos**

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 26

Published and Copyrighted © 2012
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 **נדפס בדפוס:**

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת כ"ו של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

כ"ח ניסן, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

# מען מעג דעם רב אַלץ גלויבן

דאַכט זיך אַז דאָס איז געווען אויך אין דעם אייגענעם יאָר, 35'טן.

אין שטאָט איז שוין געווען נאָר צוויי קליינע בתי־מדרשים. איינער אין עק שטאָט, און דער אַנדערער אין צענטער פון שטאָט. אַזוי ווי די גרינדער און די מתפללים פון דער שול זיינען געווען אַרבעטערער, בעלי־מלאכות, האָט מען די שול ניט צוגענומען.

אין דער שול האָט געדאַוונט דער רב. דער גבאי איז געווען אַ שניידער, דער קאַזנאַטשיי[390] איז געווען אַ שוסטער, דער רוב פון די מתפללים אויך אַזעלכע. זיי האָבן זיך געפירט זייער מלוכה'לע דאָרט, און עס איז געווען נאָך זייערע כחות.

אַז שניאורסאָהן האָט דאָרט אָנגעהויבן דאַוונען, איז צוליב אים זיינען שוין געקומען אַ סך גאָר פון אַנדערע קאַטיעגאָריעס, איז זיי, דער הנהלה, שוין געווען צו שווער די אַרבעט. נאָר זיי האָבן געדאַרפט בלייבן אויף זייערע פּאָסטן, עס זאָל זיין ריין, פּראָלעטאָריש[391]. עס איז דאָ קוריאָזן[392] דערציילן פון זייער אַרבעט, נאָר עס איז ניט אַזוי וויכטיק.

וואָס באַלאַנגט צום רב, פלעגן זיי זאָגן אַז ביי זיי איז אַ תכלית־הביטול מיט אַ כבוד גמור. זיי האָבן אים פריער ניט געקאָנט, ווען זיי האָבן זיך מיט אים באַקאָנט, האָבן זיי געזאָגט: עס ווייזט אויס אַז ער איז זייער אַ „פיינער איד", ער איז גאָר דאַכט זיך ניט קיין יד־אחת מיט דער „בורשזואָזיע"[159], און מען מעג אים אַלץ גלויבן.

* * *

390) גזבר.

391) על טהרת מעמד הפועלים.

392) דברים מוזרים; מאורעות מבדחים.

## חזנים אויף ימים נוראים

אַזוי זיינען קיין חזנים כמעט ניט געווען אין רוסלאַנד. נאָר אויף דעם חודש תשרי האָבן אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען געווען שייך צו אידישער נגינה און האָבן עפּעס געוואוסט פון נוסח־התפלה, און זיינען געווען, געוויינליך, אָנגעשטעלטע ביי מלוכה אַנשטאַלטן, האָט זיי דאָך געקומט אַ חודש „וואַקיישען" — האָבן זיי זיך משתדל געווען אַז דער חודש פון רו זאָל זיין „תשרי", און פלעגן געוויינליך אַוועקפאָרן אין אַן אַדער שטאָט, ניט דאָרט וואו זיי האָבן געלעבט, און דאָרט האָבן זיי זיך פאַרדונגען פאַר שליחי־ציבור.

אָט די חזנים האָבן געדאַוונט ווי זיי איז געווען אויף דעם „האַרצן", וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פון אַ גאַנץ יאָר.

פאַר דעם האָט מען גוט באַצאָלט, אויך „בסתר". און „בגילוי" האָט מען אָנגעוויזן אַ „מינימום", מען זאָל דערפאַר קיין שטייער ניט דאַרפן צאָלן, ווי נאָך יענע געזעצן.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו, זיינען געקומען פון מאָסקווא צוליב דעם צוועק, אויף ימים נוראים און סוכות, איינער וואָס אַ גאַנץ יאָר האָט ער געזונגען אין „אָפּעראַ" טיעאַטער, פון די בעסטע אַרטיסטן. די הלבשה און דער אויסזען זיינער איז געווען אַזוי ווי די ביי די אַרטיסטן דאָרט.

מיט אים איז געקומען נאָך איינער וואָס איז געווען מער ענליך אויף אַ שליח־ציבור. אַ גאַנץ יאָר האָט ער געדינט אַלץ רואה־חשבון אין אַ מלוכה אַנשטאַלט, און האָט געקאָנט זינגען. ער איז געווען אַ יודע ספר אויך, און איז געווען דעם „סלאַוויטער'ס" אייניקל[393].

דער אַרטיסט איז געווען אַן אייניקל פון דעם „מלאך" ר' אברהם[394], דאַכט זיך, וועלכער ליגט אין „פאָסטאָוו", ביי קיעוו. זיין צווייטער נאָמען

---

393) כנראה הכוונה להרה"ג ר' משה שפירא מסלאַוויטא, בנו של הרה"ק ר' פינחס מקוריץ ומייסד בית־הדפוס בסלאַוויטא.

394) בנו של הרב המגיד ממעזריטש. ראה בית רבי ח"א פכ"ה (סב, א).

איז געווען, ליבער, אַזוי האָט ער געזאָגט איז געווען דעם זיידנס צווייטער נאָמען[395].

זיין פנים איז געווען מיט „גְרִים"[396], אָן וואָנסן, נאָר ער פלעגט דערציילן מעשיות, וואָס ער האָט געהערט פון זיידן, און בכלל חסידישע מעשיות, אַזוי ווי אַ „צובראָכענער" חסיד.

ביידע חזנים האָבן געזאָגט אַז פאַר דעם דאַווענען און לעבן אין דער אַטמאָספערא דעם חודש, זאָל דאָס זיין אין אַ אידישער סביבה. און ווי זיי האָבן געהערט אין מאָסקווא פון שניאורסאָהנ'ס פירן זיך אין יענער צייט, האָבן זיי מחליט געווען פאָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

קומענדיק, האָבן זיי זיך גלייך געווענדעט צו שניאורסאָהן, ער זאָל זיי עצה'ן ווי אַזוי אָרגאַנעזירן זיי זאָלן האָבן שכר פאַר דער אַרבעט, אָבער זיי זאָלן דאָס אויסנוצן אויך אויף מעורר זיין און מחזק זיין אויך די אידישע „געפילן" וואָס מען וויל ליקווידירן, און צוליב דעם זיינען מיר געקומען צו אייך — דעם רב.

געוויינליך האָט מען זיי געדונגען אין דער שול וואו ער האָט געדאַוונט אויף ימים נוראים און סוכות.

מיינע כחות אין שרייבן זיינען גאַנץ אָרעם אויף איבערגעבן די שטימונג מיט דעם השתפכות־הנפש וואָס איז געווען די טעג אונטער דער ווירקונג פון דעם רב מיט די שלוחי־ציבור.

* * *

## אַך, וואָס אידן זיינען

ראש השנה און יום כיפור האָט מען דאָך געמוזט גיין צו דער אַרבעט. צוליב דעם, האָט ער, שניאורסאָהן, איינגעפירט אַן „ערשטן מנין" האָט דאָס געהייסן. דאָס הייסט, ביז אַכט אַזייגער אינדערפרי האָט מען אָפּגעדאַוונט. און פון שול זיינען זיי געגאַנגען גלייך אויף דער אַרבעט.

---

395) להעיר שנכדו של ר' אברהם המלאך ר' אברהם שלמה ב"ר ישראל חיים מלודמיר הי' נכדו של ר' אליעזר ליבער הגדול מבאַרדיטשוב (תכ"ח (לערך) — כח מרחשון תקל"א).

396) מאופר.

יום כיפור אויך געווען דאָס אייגענע, נאָר פון דער אַרבעט זיינען זיי ניט געגאַנגען אַ היים, נאָר צוריק אין שול, און פלעגן אָנקומען צו „נעילה״. בעת „נעילה״ פלעגט זיין די שול געפּאַקט, און אויף דער גאַס אויך אַ סך מענטשן. פּשוט פיזיש, זיינען זיי געווען מיד פון דעם תענית און פון גיין צו פוס ביי די ווייטסטע שטרעקעס. און אַ חוץ דעם, די מאָראַלישע זייט, דער וויסן אין וואָס פאַר אַ טאָג זיי אַרבעטן, די צובראָכנקייט פון די תפלות, קען מען ניט איבערגעבן.

אַלע האָבן זיי אים האַרציק געדאַנקט וואָס ער האָט זיי צוגעטראַכט די מעגליכקייט אויף צו דאַווענען, חאָטש אינדערפרי — בציבור.

אַז ער פלעגט מיט זיי רעדן וועגן דעם, האָט ער געוויינט מיט אַזעלכע גרויסע טרערן וואָס פלעגן זיך גיסן. און האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זייער התעוררות, עפּעס מיט אַזאַ שמחה פלעגט ער זאָגן: „אַך, וואָס אידן זיינען״.

אַ סך רעדן פון אַזעלכע זאַכן, האָט מען מורא געהאַט. ער איז געווען צופרידן אַז ער האָט דאָס דורכגעפירט במעשה.

* * *

## ניט געלאָזט זיך אָפּ־פּאַסטן פאַר די צייט

נאָך דעם האַלבן טאָג יום כיפור, האָט ער שוין אָנגעהויבן דיפּלאָמאַטיש פירן דעם סדר פון דער צייט פון די תפלות, אַז מען זאָל ניט צו פרי אַרויסגיין פון שול. דער עולם האָט זיך געוואָלט פּשוט פריער אָפּ־פּאַסטן, פון די מתפללים איז דאָך געווען פון אַלע־ערליי קאַטיגאָריעס. אין די איבעריקע שולן האָט מען געענדיקט אַ סך פריער. כדי עס זאָל דאָ אויך ניט זיין דאָס אייגענע, פלעגט ער מאַכן אַ יד־אחת מיט דעם חזן, און אַזוי צופירן אַז אויף זינגען אין נעילה איז שוין קיין צייט ניט געבליבן.

איינער פון די בעל־מלאכה׳ס וואָס האָט זיך גערעכנט — און זיינע חברים האָבן אים געהאַלטן — פאַר אַ למדן, אַ יודע ספר, האָט זיך אַזוי אויפגערעגט וואָס ער האַלט אַזוי שפּעט דעם עולם, אַז ער האָט זיך מיט

האַרץ צורעדט, אמת לעבן דער טיר און ניט אויף מזרח, אַז דער רב איז אַן אייניקל פון אַ „בונטאָוושציק"[397], זיין עלטער זיידע[398] איז נאָך געזעצן אין „אַסטראָג"[399] פאַר מחלוקת, און ער פירט זיך אויך אַזוי.

עס האָט אים געקאָסט אַ סך אָנשטריינגונג. די איידעלע פון די מתפלים זיינען געווען ניט צופרידן מיט דעם, בהעלם, די פּראָסטערע, פלעגן דאָס אַרויסזאָגן אָפן. און ביי אים איז דאָס געווען ממש אַ שמחה, חאָטש מיט כח, אָבער ער האָט זיך מיט דעם ניט גערעכנט, און האָט אויסגעפירט אַז אידן האָבן ניט געטאָן דאָס וואָס מען טאָר ניט — אַזוי פלעגט ער אַלעמאָל זאָגן.

* * *

## זיין הנהגה מוצאי יום כיפור

קומענדיק אַ היים, האָט ער ניט געקאָנט אַריין אין דער „וואָכעדיקער" וועלט

— ער האָט זיך אלעמאָל אַזוי געפירט, בעת דער אידישער לעבן איז געווען נאָך מער בהרחבה, און דערנאָך ווען מען האָט שוין כמעט נאָר אין די אייגענע ד' אמות געקאָנט אַזוי לעבן —

אַריינגייענדיק אין שטוב גאַנץ שפּעט, האָט ער נאָך אָפּגעטרונקען אַ גלאָז טיי, און אַזוי זיצן אין דעם קיטל מיט דעם צמח־צדק'ס גאַרטל[400] און פאַרברייננגען ביז צוויי־דריי אַזייגער.

עס איז געווען פון די „נאָענטע" וואָס האָבן פון דעם געוואוסט, און האָבן געווײנליך ביי זיך אין דער היים אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט מיט די פאַמיליעס און דערנאָך קומען צו אונז. און עס איז געווען חסידות, און עפּעס אַלץ נאָך וועגן די תפילות, און אין די לעצטע יאָרן האָט ער

397) מורד.

398) אדמו"ר הזקן.

399) בית האסורים.

400) להעיר מלקוטי לוי יצחק אגרות־קודש ע' רז: „האבנט מבגד הצ"צ ז"ל זיע"א, שאצלי".

גערעדט וועגן די „גרויסקייט״ פון די אידן, זייער מסירת נפש צוליב אידישקייט, און די אהבת־ישראל וואָס איז דאָ אין די צייטן.

דאָס איז דורכגעגאַנגען מיט ריקודים אַזוי ווי שמחת־תורה, אַלעמאָל פלעגן קומען אַ צען־פופצן מענטשן.

* * *

## די הנהגה שמחת תורה

דערנאָך איז שמחת תורה

– די גרויסע דירה האָט מען באַ אונז צוגענומען אין 29׳טן יאָר[401]. אַז ס׳איז נאָך געווען אַ קליינע קהילה, האָט זי אונז ביי אַ פּריוואַטן בעל־הבית אויסגעבויט דריי קליינע צימער. אין קיין אַנדער אָרט, האָבן מיר ניט געהאַט קיין רעכט צו וואָוינען –

איז פון דער גאַנצער שטאָט, וואו אַ איד וואָס האָט זיך געוואָלט מיט דעם יום־טוב משמח זיין, איז ער געקומען צו אונז.

ביינאַכט, אַז ס׳איז שוין געווען פינצטער, פלעגן זיך אַריינ׳גנב׳נען יונגע מענטשן אויך. און ווייל דער אָרט פון שטוב איז געווען איינג, און דערנאָך, האָט יעדערער וואָס איז געקומען ניט געוואָלט אַז דער צווייטער זאָל זען אַז ער גייט צום רב – האָט זיך איינער פאַר די אַנדערע באַהאַלטן, פלעגן זיי גיין גרופּעס־ווייז. און מיט יעדערן באַזונדער האָט ער אַזוי פאַרבראַכט, אַז זיי האָבן זיך אויף דער צייט פאַרגעסן אין וואָסער לאַנד זיי וואָוינען, אונטער וועמענס ממשלה.

די חזנים – וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט – זיינען אויך געווען. ביי דעם אַרטיסט איז דער גאַנצער באַציאונג פון דעם דאַוונען און פון דעם פאַרברייינגען געוואָרן פון לא לשמה – לשמה. ער האָט דאָס

401) כמסופר לעיל ע׳ 000, עוד לפני חתונת כ״ק אדמו״ר זי״ע, שהיתה בכסלו תרפ״ט (1928), ניטלה מהם מחצית דירתם. מהמסופר כאן עולה שבשנת 1929 ניטלה מהם, כנראה, גם המחצית הנותרת, ואז נאלצו לעבור לשלושת החדרים שעליהם מסופר כאן (ראה גם תולדות לוי יצחק ח״א ע׳ 202 ואילך).

אָנגעהויבן ווי צוליב פרנסה, און דערנאָך איז דאָס באַ אים געווען פון האַרצן, וואָס האָט אויף אַלעמען געווירקט און געוועקט. און ער האָט געזאָגט, אַז פאַר דער השתנות וואָס איז באַ אים געוואָרן לטוב, האָט ער צו דאַנקען נאָר דעם רב.

* * *

## ימים נוראים בבית־הכנסת ה״פרולטרי״

דומתני שהמאורעות דלהלן התרחשו אף הם באותה שנה, שנת 1935.

באותה עת נותרו בעירנו שני בתי־מדרשות קטנים בלבד: אחד בקצה העיר, וחברו במרכז העיר. בית־כנסת זה לא הוחרם על־ידי השלטונות, מאחר שמייסדיו ומתפלליו היו פועלים ובעלי־מלאכה.

בבית־כנסת זה התפלל הרב. הגבאי היה חייט, הגזבר — סנדלר, ורוב המתפללים היו אף הם בעלי מקצועות דומים. הם ניהלו שם את ממלכתם הזעירה, והיא נוהלה לפי כוחותיהם.

משהחל שניאורסון להתפלל שם — החלו להגיע בעקבותיו מתפללים רבים שהשתייכו למעמדות שונים לחלוטין, והמלאכה נעשתה קשה מדי עבור ההנהלה הקיימת. יחד עם זאת היה מן ההכרח שהם ימשיכו בתפקידיהם, כדי שהנהלת בית־הכנסת תהיה על טהרת הפרולטריון (ישנם קוריוזים שניתן לספר על אופן התנהלותם, אך אין זה חשוב כל־כך).

בכל הנוגע לרב — הם היו נוהגים לומר שהם מתייחסים אליו בכבוד גמור ומתוך תכלית הביטול. הם לא הכירו אותו קודם לכן, ולאחר שהתוודעו אליו אמרו: ״ככל הנראה הרב הוא יהודי טוב והגון מאוד — נראה שהוא אינו עושה יד אחת עם ה״בורגנות״, וניתן אפוא להאמין לו בכל״...

חזנים מקצועיים — כמעט לא היו אז ברוסיה. אך לקראת חודש תשרי היו אנשים רבים שהיה להם מושג בנגינה יהודית, או ידעו פרק בנוסח התפילה — בדרך־כלל היו אלה פקידים במוסדות ממשלתיים, שהגיעה להם חופשה של חודש, והשתדלו שחודש המנוחה שלהם יהיה בחודש תשרי — נוסעים בדרך־כלל לעיר אחרת, מחוץ לעיר מגוריהם, ושם היו משכירים את עצמם לשמש כשלוחי־ציבור בימים הנוראים.

חזנים אלו הביעו בתפילתם את אשר היה על לבם — כל מה שהצטבר שם במשך שנה תמימה.

תמורת שירותם שולם להם סכום־כסף נאה, גם זאת בסתר. בגלוי הוצג כאילו שולם להם שכר מינימלי, כדי שלא יהיה עליהם לשלם על כך מסים, בהתאם לחוקים ששררו שם.

ליקטרינוסלב הגיעו ממוסקבה למטרה זו, למשך הימים הנוראים וחג הסוכות, שני אנשים: אחד מהם שימש כל ימות השנה כזמר בתיאטרון אופרה, ונחשב מהטובים שבשחקנים. לבושו ומראהו הכללי היו דומים למקובל בקרב השחקנים שם. יחד עמו הגיע אדם נוסף, שנראה דומה יותר לשליח־ציבור. במשך כל השנה עבד אדם זה כרואה־חשבון במשרד ממשלתי, והוא ניחן בכשרון לשיר. הוא אף היה יודע־ספר, והיה מצאצאיו של הרב מסלאוויטא[205].

השחקן היה, כמדומתני, מצאצאיו של ר׳ אברהם המלאך[206], שמנוחתו כבוד בעיר פסטוב הסמוכה לקייב. שם משפחתו של השחקן היה ליבר, ולדבריו היה זה שם משפחתו של סבו. פניו היו מאופרות, נטולות שפם; אך הוא היה מספר סיפורים ששמע מסבו, וסיפורי חסידים בכלל, מתוך שברון לב, כחסיד אמיתי.

שני החזנים סיפרו ששאיפתם היתה שהתפילות, והחיים באווירת חודש תשרי בכלל, יהיו בסביבה יהודית, וכששמעו במוסקבה על אופן הנהגתו של שניאורסון באותה תקופה — החליטו לנסוע ליקטרינוסלב.

בהגיעם לעיר פנו השניים היישר אל שניאורסון, כדי שייעץ להם כיצד לסדר שיקבלו שכר תמורת עבודתם, אבל גם כדי שיסייע להם לנצל את תפילתם כדי לעורר ולחזק את אותם רגשות יהודיים שהשלטונות חפצים לחסל. ״לשם כך באנו אליכם, הרב״, אמרו.

הם נשכרו לשמש כחזנים, כמובן, בבית־הכנסת שבו התפלל בעלי בימים הנוראים ובחג הסוכות.

יכולות הכתיבה שלי דלות מכדי לתאר את האווירה ואת השתפכות הנפש ששרה בבית־הכנסת באותם ימים, תחת השפעתם של הרב ושלוחי־הציבור.

רבים מוכרחים היו לצאת לעבודה גם בראש־השנה וביום־הכיפורים. משום כך הנהיג עבורם שניאורסון בראש־השנה מניין נפרד, שכונה ״מניין ראשון״. התפילה במניין זה הסתיימה עד השעה שמונה בבוקר, ומבית־הכנסת יצאו המתפללים לעבודתם.

מניין זה התקיים גם ביום־הכיפורים, אלא שביום זה לא שבו המתפללים מעבודתם לבתיהם, אלא חזרו לבית־הכנסת. הם היו מגיעים

205) כנראה הכוונה להרה״ג ר׳ משה שפירא מסלאוויטא, בנו של הרה״ק ר׳ פינחס מקוריץ ומייסד בית־הדפוס בסלאוויטא.

206) בנו של הרב המגיד ממעזריטש. ראה בית רבי ח״א פכ״ה (סב, א).

לתפילת נעילה. בשעת תפילת נעילה היה בית־הכנסת מלא מפה לפה, וגם ברחוב התגודדו אנשים רבים.

כולם היו יגעים, פשוט פיזית, מהצום ומההליכה הרגלית למרחקים גדולים מאוד. נוסף על כך היה מצב־רוחם מר מאוד בשל הידיעה שהם נאלצים לעבוד ביום שכזה. לא ניתן לתאר את שברון־הלב שמשל בכיפה בתפילות אלו.

הכל הודו לבעלי מקרב לב על כך שהגה עבורם את הפתרון שאפשר להם להתפלל בציבור, ולו בשעת בוקר מוקדמת.

כשהיה בעלי משוחח עם המתפללים על נושא זה, היה בוכה כשדמעות שליש ניגרות מעיניו. הוא נהנה מאוד מההתעוררות הרוחנית של אנשים אלה, והיה אומר במין שמחה שכזו: "אח, זוהי מהותם של יהודים!"

הכל חששו להרבות בדברים על מעשים כגון דא; בעלי היה שבע־רצון על כך שעלה בידו להגשים זאת במעשה.

מיד לאחר חצות יום־הכיפורים החל בעלי, בצורה דיפלומטית, לנהל את סדר הזמנים של התפילות כך שהמתפללים לא יצאו מבית־הכנסת מוקדם מדי. הציבור מצדו רצה לסיים את הצום מוקדם ככל האפשר; הרי בין המתפללים היו אנשים מכל החוגים, ובבתי־הכנסת האחרים סיימו את התפילה בשעה מוקדמת בהרבה. כדי שהדבר לא יקרה גם כאן, היה בעלי עושה יד אחת עם החזן כדי לנהל את התפילות, כך שבתפילת נעילה כבר לא נותר זמן להאריך בשירה.

אחד מבעלי המלאכה — שהחשיב עצמו, וגם חבריו החשיבוהו, ללמדן ויודע־ספר — התרגז כל־כך על העובדה שבעלי מעכב את הציבור עד שעה כה מאוחרת, עד שהתפרץ בדברים ואמר (אם־כי הוא אמר זאת ליד הדלת, לא בשבתו ב"מזרח"...) שהרב הוא נכדו של "מורד" — עוד אביו זקנו[207] ישב במאסר בגלל מחלוקת, ועכשיו נוהג גם הוא כך!...

הדבר עלה לבעלי במאמץ רב. נעימי ההליכות שבין המתפללים הסתירו את אי־שביעות רצונם מכך, ואילו הגסים יותר הביעו זאת בגלוי. עבור בעלי, לעומת זאת, היתה זו שמחה של ממש — אמנם הוא נאלץ לכפות עליהם זאת בכוח, אבל הוא לא התחשב בכך, ועלה בידו להביא לידי כך שיהודים לא יעשו את האסור עליהם! כך נהג לומר תמיד.

207) הכוונה לאדמו"ר הזקן.

בשובו הביתה במוצאי יום־הכיפורים, לא היה בעלי יכול להיכנס בבת־אחת לעולם החולין.

[הוא נהג כך תמיד — הן בתקופה שהחיים היהודיים עדיין היו ביתר הרחבה, והן לאחר־מכן, בשעה שכמעט ולא ניתן היה לנהל חיים כאלה אלא כל אחד בארבע אמותיו].

כשהיה נכנס הביתה, בשעה מאוחרת למדי, הסתפק בשתיית כוס תה, ומיד היה יושב ומתוועד, כשהוא לבוש ב״קיטל״ וחגור באבנטו של הצמח־צדק[208], עד השעה שתיים־שלוש לפנות־בוקר.

היו ממקורבינו שידעו על כך, והיו אוכלים כמובן בבתיהם את ארוחת־הערב עם בני משפחותיהם, ולאחר־מכן מגיעים לביתנו. בעלי היה אומר דברי חסידות, שתמיד עסקו עדיין בענייני תפילות היום. בשנים האחרונות היה בעלי מדבר על גדלותם של בני־ישראל, על מסירות־נפשם למען היהדות, ועל אהבת־ישראל המתגלית בתקופות אלו.

ההתוועדות היתה נמשכת בריקודים, מעין שמחת־תורה. תמיד היו משתתפים בה כעשרה עד חמישה־עשר אנשים.

לאחר־מכן הגיע יום שמחת־תורה.

[דירתנו הגדולה נלקחה מאיתנו בשנת 1929[209]. בתקופה שקהילתו של בעלי היתה עדיין קטנה, בנתה עבורנו הקהילה שלושה חדרים קטנים בשטח שהיה שייך לבעל־בית פרטי. בשום מקום אחר לא היתה לנו זכות להתגורר].

מכל העיר, בכל מקום שבו היה יהודי שרצה לשמוח בשמחת יום־טוב — הוא הגיע לביתנו.

בלילה, לאחר שהחשיך היום, היו מתגנבים לביתנו גם צעירים. ומאחר שהמקום בביתנו היה צר, ובנוסף לכך, כל אחד מהבאים לא רצה שחברו יראה שהוא הולך אל הרב — היו הבאים מסתתרים זה מזה, והיו באים אלינו בקבוצות נפרדות. עם כל קבוצה בנפרד היה בעלי מתוועד בצורה כה מרשימה, עד שלמשך זמן זה שכחו המתוועדים באיזו ארץ ותחת איזו ממשלה הם חיים.

---

208) להעיר מלקוטי לוי־יצחק אגרות־קודש ע׳ רז: ״האבנט מבגד הצ״צ ז״ל זיע״א, שאצלי״.

209) כמסופר לעיל ע׳ 000, עוד לפני חתונת כ״ק אדמו״ר זי״ע, שהיתה בכסלו תרפ״ט (1928), ניטלה מהם מחצית דירתם. מהמסופר כאן עולה שבשנת 1929 ניטלה מהם, כנראה, גם המחצית הנותרת, ואז נאלצו לעבור לשלושת החדרים שעליהם מסופר כאן (ראה גם תולדות לוי יצחק ח״א ע׳ 202 ואילך).

החזנים — שאותם הזכרתי לעיל — השתתפו אף הם בהתוועדות זו. יחסו של השחקן שביניהם לכל עניין התפילה והשהייה במחיצת בעלי השתנה מ״שלא לשמה״ ל״לשמה״. הוא החל לעסוק בכך לשם פרנסה, אך עם הזמן החלו התפילות יוצאות מקירות לבו, והדבר השפיע על כל המתפללים ועורר אותם. הוא אמר שעל השינוי לטובה שהתחולל בו עליו להודות אך ורק לרב.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב